

# הרה"ח ר' יהושע הלוי ווערצבערגער שליט"א (מו)

**הרה"ח ר' יושע הי"ו איז ממשיך צו איבערגעבן הערליכע זכרונות ימי קדם מבית אבותיו ומשפחתו.**

## דער נאסאדער רב קומט אין חלום

מיין טאטע הרה"ח ר' אברהם חיים ז"ל האט דערציילט.

זיין שוואגער הרה"ח ר' נתן יוסף מייזעלס ז"ל הי"ד, בן הרה"ח ר' יצחק אייזיק הי"ד, וועלכער איז געווען א משמש בקודש ביים נאסאדער רב זי"ע, איז געקומען די צייט ווען ער האט געדארפט גיין אין מיליטער, און דארט האט ער געארבעט זייער שווער עבודת הפרך, און ער האט איבערגעלאזט אין שטוב זיין פרוי מיט זיינע קליינע קינדער. ער האט געהאט א קינדער געבענטשטע משפחה וואס האבן געדארפט האבן פרנסה און געשפייזט ווערן מידי יום ביומו.

ווי פארשטענדליך איז זיין מצב געווען זייער שווער און ביטער, ווען כסדר האט ער געקלערט און געטראכט און באקומען בקשות פון זיין בני משפחה, "עוללים שאלו לחם פורש אין להם".

אין איינע פון די טעג איז ער געווען זייער פארביטערט און צובראכן איבער זיין שווערן גורל און זיין ביטערן מצב, טראכטנדיג פון זיך אליין וויאזוי ער זעט אויס ברוחניות ובגשמיות, און זיין שטוב, זיין משפחה, זיינע קינדערלעך וואס הונגערן אויף א שטיקל ברויט און זיי האבן גארנישט, וואס דאס האט גורם געווען אז ער האט נישט געקענט ארבעטן ווי זיין טאג-טעגליכן שטייגער.

איינער פון די מיליטער לייט וואס האבן אים דארט געזען וויאזוי ער ארבעט נישט ווי געהעריג, האט זיך גענומען שרייען אויף אים מיט קולות, ווי די נוגשים ביי פרעה הרשע בשעתם "למה אתם כלים מעשיכם דבר יום ביומו?" ער איז געווען אזוי פארביטערט און צובראכן אז ער האט זיך אנגעהויבן אויסצורעדן פאר דעם סאלדאט "וואס ווילסטו פון מיר? וויאזוי קען איך אפילו ארבעטן פון די גרויסע צרות וואס איך האב?! איך האב איבערגעלאזט ביי מיר אינדערהיים א גרויסע משפחה, זיי האבן נישט ווער ס'זאל זיי ברענגען פרנסה, מיין פרוי מיט מיינע קינדערלעך הונגערן ארום, זיי האבן נישט גארנישט, וויאזוי בין איך בכלל מסוגל צו קענען ארבעטן?"

האט יענער סאלדאט געענטפערט "איך האב דאך אויך איבערגעלאזט מיין משפחה אינדערהיים, און דאך, איך דארף זיין אין מיליטער, און איך דארף אויך ארבעטן פאר'ן לאנד וואס עס זענען מיינע פליכטן, און עס זענען נישט דא קיין אויסריידן זיך ארויסצודרייען פון דאס וואס איז דא צו טון."

יענע נאכט האט ער געזען אין חלום דעם הייליגן נאסאדער רב - עס איז שוין געווען היבש נאך זיין הסתלקות - און דער נאסאדער רב זאגט אים "עס גייט יעצט נעמען אן ענדע צו דיינע צרות."

ער האט זיך אויפגעוועקט אינדערפרי, און ער זעט ווי דער סאלדאט איז אים פלוצלינג געווארן א גוטער פריינט, ער איז געקומען צו אים און ער זאגט אים, "איך וויל דיר געבן אן עצה דיך ארויסצוהעלפן."

ער האט אים איבערגעגעבן א פלעשל מיט טראפנס, און ער זאגט אים, "לייג אריין די טראפנס אין דיינע אויגן, דאס גייט דיר מאכן שווער דיין זעה-קראפט, און מען וועט דיך אפפירן קיין קעשינוב צום ארטיגן שפיטאל, און פון דארט איז דיין וועג אפן צו ווערן באפרייט."

ער האט אזוי געטון, ער האט אריינגעלייגט די טראפנס אין די אויגן, און מען האט אים געפירט אין שפיטאל אים צו היילן, און פון קעשינוב האט ער טאקע געטראפן דעם וועג אהיים, וואס ער האט פון דעם געזען וויאזוי גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, און דער הייליגער נאסאדער רב איז אים געקומען צו הילף אין זיין שווערן מצב. (המעשה מובא גם בס' גדולת יהושע סיפורים, דף מ"ט)

## מיין פעטער הרה"ח רבי משה דאסקאל ז"ל

מיין טאטע רבי אברהם חיים ז"ל האט געהאט א שוואגער בזיו"ר, הרה"ח ר' משה דאסקאל ע"ה.

רבי משה איז געווען זייער א חשוב'ער איד, ער איז געווען א זון פון הרה"ח ר' מענדל דאסקאל ז"ל פון דעעש, וועלכער האט זיך שפעטער געצויגן קיין טעמעשוואר.

ער איז געווען א תלמיד פון כ"ק מרן רביה"ק זי"ע אינדערהיים אין סאטמאר.

ער איז געווען זייער דבוק אינעם רבי'ן מיט א געוואלדיגע התקשרות. ער איז געווען א תלמיד חכם, ער האט אלס בחור פארגעלערנט פאר בחורים אין טעמעשוואר, און נאך זיין חתונה איז ער אויך געווען א דיין אין שימלויא און ער האט מדריך געווען אידישע קינדער.

ליידער איז זיין פרוי, אונזער מומע, מיט זייערע דריי קינדערלעך אוועק ביי די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה.

נאך די מלחמה האט ער נאכאמאל חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א שיינע

געבענטשטע שטוב. ער האט זיך אויך באזעצט אין כפר עטה, וואו ער איז ווייטער געווען שוחט, און שפעטער האט ער זיך געצויגן קיין קוממיות, אינאיינעם מיטן רב הגה"צ ר' בנימין מענדלזאהן זצ"ל. מיין טאטע ז"ל האט אנגעהאלטן מיט אים זייער א שטארקע קשר ידידות, ער איז געבליבן מיט אים משפחה ווי בעפאר, און האט זיך משתתף געווען ביי אלע שמחות ביי אים אין שטוב.

פלעגט מיין טאטע דערציילן וואס ער האט געהערט פון ר' משה, אז ווען עס איז געווען די גרויסע שערורי' בנוגע די בחירות הטמאות, ווען דער רבי זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל און ער האט לוחם געווען קעגן די בחירות הטמאות מיט אלע כוחות.

אין קוממיות האבן געוואוינט ערליכע אידן, סאטמארער חסידים, וואס זענען אוודאי נישט געגאנגען צו בחירות, און זיי זענען אבער געווען זייער נאנט מיטן שטאט'ס רב, הגה"צ ר' בנימין מענדלזאהן זצ"ל, וועלכער האט זיך אפגעגעבן מיטן אויפבויען די שטאט קוממיות, מאידך גיסא איז ער געווען א גערער חסיד, און דער גערער רבי זצ"ל האט באפוילן אז מען זאל יא גיין צו בחירות, וואס דאס האט כמובן גורם געווען א שטארקע צומישעניש ביים היימישן ציבור סאטמארער חסידים, ווען דער רבי איז געקומען קיין ארץ ישראל און געשריגן אז בחירות איז ב"יהרג ואל יעבור", און דא האבן זיי די מרא דאתרא, זייער באליבטער אנגענומענער רב וועלכער גייט אליין צו בחירות.

האט אבער דער רב רבי בנימין מענדלזאהן זצ"ל געלאזט רופן ר' משה, און ער האט אים געזאגט, "איך בין א גערער חסיד, איך האב נישט קיין ברירה, און איך דארף גיין צו בחירות. אבער דו דארפסט וויסן, דו ביסט א סאטמארער חסיד, און דער סאטמארער רבי האט גע'אסר'ט צו גיין צו בחירות. אויב וועסטו גיין חס ושלום צו די בחירות, זאלסטו וויסן, מהיום והלאה וועל איך מער נישט עסן פון דיין שחיטה."

דאס צייגט אויף די ערליכקייט און די גראדקייט פונעם קוממיות'ער רב זצ"ל.

## דער קוממיות'ער רב זצ"ל און די בחירות

אגב, איז כדאי צו מעתיק זיין בנוגע דאס ענין פון בחירות, א מעשה וואס איז געווען מפורסם אין גליון "זקניך ויאמרו לך", בשם



גאב"ד קוממיות הגה"צ ר' בנימין מענדלזאהן זצ"ל

הרה"ח ר' פינחס ישעי' קארנבלי ע"ה:

"איך האב לאנגע יארן געוואוינט אין קוממיות, און ב"ה געהאט א טייל אין איר התייסדות און הערליכע אויפבלי, צווישן ערליכע היימישע אידן וואס ציט זיך אזוי שיין שוין עטליכע דורות. פאר צענדליגער יאר איז געווען אונזער שו"ב הרה"ח ר' ישראל פייערשטיין ז"ל פון ירושלים. ווען ער האט זיך געהאלטן ביים אוועק ציען פון קוממיות איז געקומען א נייער שו"ב וועלכער האט גענומען קבלה ביי רבי ישראל ע"ה, אבער נאכ'ן געבן די קבלה האט אים ר' ישראל געזאגט "כאטש איך האב אייך געגעבן קבלה וועל איך נישט קענען עסן פון אייער שחיטה, ווייל איך בין מקפיד נישט צו עסן פון די שחיטה פון א שוחט וואס גייט צו די טמא'נע בחירות, וואס לויט ווי רביה"ק האט מבאר געווען אין ספה"ק ויואל משה איז דאס פארבינדן מיט גאר הארבע איסורים, און ווי איך פארשטיי זענט איר א חסיד פון א רבי'ן וואס שרייבט אונטער דעם 'חוב קדוש' צו גיין צו די בחירות".

האט אים דער שוחט געענטפערט "זארגט אייך נישט, ראשית כל ווען מ'האט מיר אנגעטראגן צו ווערן דא שו"ב, האט מיר שוין דער מרא דאתרא (הגה"צ רבי מנחם מענדל מענדלזאהן זצ"ל) אנגעזאגט בשם זיין פאטער הגה"צ רבי בנימין מענדלזאהן זצ"ל אז מ'טאר נישט גיין צו די בחירות, האב איך דעמאלט אנגעפרעגט ביי מיין רבי'ן (דער וויזשניצער רבי, בעל ישועות משה זצ"ל) צי איך מעג זיך אונטער נעמען נישט צו גיין צו די בחירות. האט ער מיר געענטפערט "אוודאי מעגסטו זיך אונטערנעמען נישט צו גיין, ווייל די גאנצע סיבה פארוואס מיר גייען יא צו בחירות איז כדי מיר זאלן קענען מאכן געלט, אויב קומט אייך אויס בעסער צו מאכן געלט אז איר גייט נישט צו בחירות, זאלט איר נישט גיין"...

עס שטעלט זיך גאר ארויס אז אויב האט מען אמאל געזאגט אז מ'דארף גיין צו בחירות ווייל דאס האט עפעס צוטון מיט אידישקייט וכדומה, זאגן זיי היינט אליינס אז דאס גיין צו בחירות האט גארנישט מיט אידישקייט, נאר מיט מאכן געלט...

## דער רבי געדענקט זיין תלמיד

אונזער פעטער ר' משה דאסקאל איז ליידער אומגעקומען אין א שרעקליכע אומגליק כ"ח אדר תשכ"ג אין א קאר עקסידענט.

גאר אינטערעסאנט איז געווען א מעשה ווען יארן שפעטער, ווען כ"ק מרן רביה"ק זי"ע איז שוין נישט געזונט געווען און ער איז געווען אין בעל הארבער, איין שבת אינדערפרי איז דער רבי געגאנגען אין מקוה מיט דער באגלייטונג פון די משמשים בקודש. ווען מ'האט געדארפט אריבערגיין די גאס, האט זיך דער רבי אנגערופן, "געב אכטונג, קוק אויב ס'קומט נישט קיין קאר. איך האב געהאט א תלמיד, משה דאסקאל, וואס איז ליידער אומגעקומען אין א קאר עקסידענט."

עס איז געווען א גרויסע חידוש פאר אלע די ווערטער, ווען מ'איז כסדר געגאנגען אויף דעם וועג, און דער רבי פלעגט קיינמאל נישט זאגן גארנישט. דא פלוצלינג האט דער רבי אזוי באווארנט און דערמאנט די פטירה פון ר' משה דאסקאל, וואס איז געווען שוין בערך צען יאר בעפאר.

שפעטער איז זיין זון געקומען און געבעטן צו דאווענען פאר'ן עמוד אין רבי'נס מנין ווייל עס איז זיין טאטנ'ס יארצייט. האבן אלע פארשטאנען אז דער רבי האט געוואוסט און געטראכט און געזוכט אן אופן מזכיר צו זיין זיין באליבטן תלמיד ביום ההילולא, אין זיין יארצייט טאג.

**פאַרזעצונג קומט אי"ה**